ומצד כל הנ"ל ודעט מען איצטער לערנען די רש"י וועלכע איז פארבונדן מיט אהבת ישראל. ובהמשך לזה, איז פאראן וועגן אהבת ישראל אויך איז דרך מצותיך, אין לקו"ת ד"ה החלצו, ועד"ז אין ד"ה החלצו פון די רביים די נשיאים, ביז אין פרק לב פון תניא פון דעם אלטן רבי'.

אויף "ואהבת לרעך כמוך" (ויקרא יט,יח) איז רש"י מפרש: "אמר ר' עקיבא זה כלל גדול בתורה".

דלכאורה איז ניט פארשטאנדיק:

א) וואס הארט דא רש"י אין פשוטו של מקרא וואס ער דארף דאס מפרש זיין, לכאורה איז דאך אלץ גלאטיק?

רש"י איז ניט קיין מוסר ספר - ער איז טאקע אויך דאס; רש"י זאגט ניט קיין חסידות - ער איז טאקע אויך דאס,אבער ניט דאס איז עיקר ענינו של רש"י. עיקר ענינו של רש"י איז, ווי ער אליין גיט ארויס דעם כלל, "אני לא באתי אלא לפרש פשוטם של כתובים, לכל לראש איז ענינו של רש"י פשוטו של מקרא, נאר דערנאך קען מען ארויסנעמען פון אים אין אנדערע חלקי התורה, ביז יינה של תורה.

איז אין דרך הפשט ניט פארשטאנדיק: וואס איז ניט פארשטאנדיק מיטן "ואהבת לרעך כמוך", וואס רש"י דארף דא צולייגן "אמר ר"ע זה כלל גדול בתורה"?

ב) ווי גערעדט כמה פעמים, אז בשעת רש"י ברענגט אראפ דעם בעל המימרא, איז דאס נוגע אין הבנת הפירוש אין פשוטו של מקרא, דארף מען פארשטיין, וואס איז דא נוגע אין פשוטו של מקרא צו וויסן אז דער בעל המימרא אז "ואהבת לרעך כמוך" איז א כלל גדול בתורה, איז דאס ר"ע, ביז אז אויב מ'ווייס ניט אז ס'איז ר"ע, בלייבט עפעס שווער, און דערמיט וואס מ'ווייס אז דאס איז ר"ע, גייט אראפ די שוועריקייט?

ג)

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

ב) עס זיינען פאראן מפרשים וואס זאגן, אז דאס וואס ר"ע זאגט איז דער זעלבער ענין וואס הלל האט געזאגט דעם גר "מה דעלך סני לחברך לא תעביד". נאר הלל האט דאס געזאגט באופן שלילי און ר"ע - באופן החיובי,

מ'קען אבער אזוי ניט זאגן, ווארום אויב עס וואלט געווען איין ענין, וואלט דאס רש"י געדארפט ברענגען.

מ'קען ניט זאגן, אז דערפאר ברענגט עס ניט רש"י, ווייל דער דרש פון "מה דעלך סני כו'" שטייט ניט אויף דעם פסוק, משא"כ דרשת ר"ע שטייט יא אויף דעם פסוק, אין הו"כ,

ווארום עניננו של רש"י איז ניט צו ברענגען דוקא פון מדרשים וועלכע שטעלן זיך נאר אויף דעם פסוק, עניננו של רש"י איז אויף צו מפרש זיין פשוטו של מקרא, און עס איז ניט נוגע צי דער דרש שטייט יא אויף דעם פסוק אדער ניט, איז אויב דער דרש פון "מה דעלך סני כו'" וואלט געמיינט דער זעלבער ענין ווי דרשת ר"ע וואס רש"י ברענגט דא, וואלט עס רש"י געדארפט ברענגען, ניט קוקנדיק אויף דעם וואס עס שטייט ניט אויף דעם פסוק.

ואדרבה, רש"י וואלט בעסער געדארפט ברענגען דעם דרש פון "מה דעלך סני לחברך לא תעביד", ווייל דארטן פירט ער אויס "זהו כל התורה ואידך כו'". פון דרשת ר"ע ווייסן מיר נאר אז עס איז פאראן תורה און אין תורה זיינען דא כללים, און דער ענין פון אהבת ישראל איז א כלל גדול בתורה. אויב רש"י וויל מפליא זיין דעם ענין פון אהבת ישראל וואלט ער בעסער געדארפט ברענגען דעם מאמר הלל, ווארום דארטן זאגט ער אז אהבת ישראל איז "כל התורה".

עס זיינען פאראן מפרשים וואס זאגן, אז דעריבער זאגט ניט רש"י די מימרא פון הלל, ווייל רש"י לערנט אז היוב אהבת ישראל איז נאר לרעך בתומ"צ, ווי די גמרא זאגט, און די מימרא פון הלל איז דאך בנוגע אלעמען,

מ'קען אבער אזוי ניט לערנען, ווייל אין די פסוקים זיינען פאראן כמה וכמה לשונות ווי "אחיך" "רעך" און "עמיתך", און רש"י שטעלט זיך ניט אפ צו מפרש זיין די חילוקים צווישן זיי, איז דערפון פארשטאנדיק אז רש"י לערנט אז עס זיינען ניטא קיין חילוקים צווישן די לשונות, און דער חיוב פון אהבת ישראל איז צו יעדערן.

דאס איז אויך מתאים מיט דעם וואס דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא פרק לב, אז מצות אהבת ישראל דארף זיין אויך צו אזוינע וועלכע זייער גאנצע מעלה איז מער ניט וואס זיי זיינען בריות בעלמא.

עס איז אויך פארשטאנדיק פארוואס רש"י מאכט ניט קיין חילוקים און איז גארניט מפרש אויף די לשונות, ווייל ער האט שוין פריער מפרש געווען עה"פ (בראשית לא,מו) ויאמר יעקב לאחיו לקטו אבנים, אז "אחיו" מיינט ניט נאר א ברודער, נאר אויך א חבר וכו', במילא איז סיי "אחיך" און סיי "רעך" וכו' איז דאס אלץ איין ענין, דעריבער האט דא רש"י ניט וואס צו מפרש זיין דעם חילוק הלשונות הללו, און רעך מיינט אויך א פריינט, און ניט רעך בתומ"צ.

עפ"ז בלייבט אבער די קשיא, פארוואס רש"י ברענגט דרשת ר"ע און ניט מאמר הלל,

ובפרט

הנחת הת' בלתי מוגה

ובפרט אז ווי ר׳ עקיבא זאגט געפינט מען אין הלכה, ווי די גמ׳ זאגט, אז שנים שהיו מהלכין בדרך און עס איז דא נאר איין קיתון מים וואס איז ניט גענוג פאר ביידן, האלט בן פטורא אז ביידע זאלן טרינקען, און ביידע וועלן ניט בלייבן לעבן, ולא יראה אחד במיתת חבירו. ר"ע אבער האלט "חייך קודמין". זעט מען דאך דערפון אז ר"ע האלט ניט אז ואהבת לרעך כמוך מיינט כמוך ממש, ווייל ער האלט דאך "חייך קודמין".

אויב רש"י וואלט ניט געברענגט די מימרא בשם ר"ע, וואלט מען געקענט ענטפערן אז אין פשוטו של מקרא איז נאך דערווייל ניטא דער ענין פון "חייך קודמין", - ווייל דאס לערנט מען אפ ערשט פון פסוק אין פרשת בהר,

רש"י ברענגט דאך אבער יא ר׳ עקיבא, ד.ה. אז דאס גייט לפי שיטת ר"ע, און ר"ע האלט דאך אז "חייך קודמין", איז דאך דערמיט וואס רש"י ברענגט דעם דרש בשם ר"ע, איז ער דאך לכאורה מקשין דעם ענין פון ואהבת לרעך כמוך,

וכמדובר כמה פעמים, אז אין רש"י דארף אלץ זיין מוכרח אין פשוטו של מקרא. דארף מען פארשטיין ווי די אלע אויבנדערמאנטע פרטים דיינען מתאים לויט פשוטו של מקרא, וכפי שיתבאר לקמן.

ז. עס איז פאראן א לשון "הקושיא טוב וההירוץ פשוט", ועד"ז בענינינו:

לערנענדיק דעם פסוק "ואהבת לרעך כמוך" שטעלט זיך גלייך א קשיא ביי דעם קינד: וואס האט מען אים פריער אזויפיל געמאטערט מיט די אלע פסוקים פון לא תקום ולא תטור, ועד"ז אין די עשה"ד, די ציווים פון לא הגנוב ובו׳; דערפון וואס ער לערנט דא אז עס דארף זיין "ואהבת לרעך כמוך", וועט ער במילא וויסן אז די אלע זאכן טאר ער ניט טאן, וואדום ער האט דאך ליב יענעם פונקט ווי זיך, איז אזוי ווי ער וויל ניט מ׳זאל פון אים גנב׳נען גזל׳נען און מקנא זיין א.א.וו. אזוי טאר ער עס צו יענעם אויך ניט טאן, ועד"ז בנוגע לכיבוד או"א, פונקט ווי ער וויל אז בשעת ער וועט זיין א טאטע זאלן זיינע קינדער אפגעבן אים כבוד, אזוי פארשטייט ער איצטער אז אויך ער דארף מכבד זיין הוריו,

טענה׳ט ער:- וואס האט מען אים געמאטערט צו לערנען אט די אלע פסוקים, און מ׳האט אים ניט געלאזט שפילן באל, און ער האט געמוזט איבער׳חזר׳ן וואס ער האט געלערנט, און טאמער ער האט ניט געוואוסט האט מען אים געפאטשט; ווען ער לערנט נאר "ואהבת לרעך כמוך", וואלט ער שוין דערפון געוואוסט די אלע דינים. פונקט ווי עס איז געווען ביי דעם גר, אז על רגל אחת האט איט הלל אויסגעלערנט כל התורה כולה, דער-מיט וואס ער האט אים געזאגט "מה דעלך סני לחברך לא תעביד", אזוי איז אויך דערמיט וואס ער לערנט דעם פסוק פון "ואהבת לרעך כמוך", קען ער דערפון אפלערנען די אלע דינים.

בכדי צו פארענטפערן אט די קשיא, זאגט רש"י "אמר ר"ע זה כלל גדול בתורה", אז דער פסוק פון "ואהבת לרעך כמוך" איז א כלל. און דאס ווייס דאך דער קינד אז אין תורה איז דא כללים און פרטים, ווי ער האט שוין געלערנט פריער אין פרשת משפטים, אז פריער שטייט "על כל דבר פשע" - כלל, און דערנאך שטייען פרטים - על שור על חמור וגו׳,

פארשטייט ער שוין, אז פונקט ווי איבעראל איז אפי' עס שטייט דער כלל, מוזן אויך שטיין די פרטים, אזוי אויך דא איז ניט מספיק דער כלל פון ואהבת לרעך כמוך, נאר עס מוזן אויך שטיין די אנדערע פרטי דיני דאך

דאס איז נאך אבער ניט קיין ביאור מספיק, ווייל מ'קען נאך אלץ פרעגן, אז דא איז אנדערש ווי בכל התורה. אמת טאקע בכל התורה איז פאראן כללים, איז אבער דארטן שטייט פריער דער כלל און דערנאך שטייען די פרטים, אדער פריער די פרטים און דערנאך דער כלל, דא איז דאך ניט אזוי, פריער שטייען כמה וכמה פרטים און שפעטער שטייען כו"כ פרטים, און אינמיטן קומט אריין דער כלל פון "ואהבת לרעך כמוך",

פרעגט דער קינד, אז אזא כלל האט ער נאך קיינמאל ניט געזען; ער ווייס פון כלל ופרט, פרט וכלל, כלל ופרט וכלל, ווי עס שטייט אין ברייתא דר"י, - אבער דער כלל אינמיטן, דאס ווייס ער ניט,

הגם אז פון ברייתא דר"י ווייס נאך ניט דער קינד. ער ווייס דאס אבער פון די פסוקים וואס ער האט ביז איצטער געלערנט, אז מען געפינט אז עס זאל שטיין א כלל אינמיטן,

און אט די קשיא פארענטפערט רש"י דערמיט וואס ער לייגט צו דעם ווארט "כלל גדול": דא איז ניט ווי אלע כללים וואס זיינען געשטאנען ביז איצטער, נאר דאס איז א כלל גדול, און א כלל גדול קען יא שטיין אינמיטן די פרטים ✱. (ראה הערה בסוף השיחה)

עס איז נאך אבער אלץ ניט פארשטאנדיק פארוואס רש"י ברענגט דרשת ר"ע און ברענגט ניט דאס וואס הלל האט געזאגט "מה דעלך סני כו' זהו כל התורה ואידך פירושא". ואדרבה, וויבאלד אז דאס איז כל התורה, איז מער פארשטאנדיק אז עס קען שטיין אינצווישן די פרטים?

וועט מען דאס פארשטיין בהקדים הביאור בפירש"י אין מס' שבת (לא,א) אויף מאמר הלל "מה דעלך סני לחברך לא תעביד".

רש"י זאגט דארט צוויי פירושים, און וויבאלד אז ענינו של רש"י אויך אין ש"ס (ניט נאר אין חומש) איז מפרש צו זיין לויט פשטות הענינים (טאקע ניט פשטות הכתובים, אבער פשטות פון גמרא), איז פארשטאנדיק אז ווען רש"י איז מפרש צוויי פירושים, איז דאס ווייל איינער פון זיי אליין איז ניט מספיק, און דערפאר מוז מען אנקומען אויך צו נאך א פירוש. עס איז אבער פארשטאנדיק אז דער פירוש וואס איז מער קרוב אל הפשט איז ער דער ערשטער, וויבאלד אז רש"י ברענגט אים פריער

דער ערשטער פירוש וואס רש"י איז מפרש אויף "מה דעלך סני כו' איז: "ריעך ורע אביך אל תעזוב זה הקב"ה אל תעבור על דבריו שהרי עליך שנאוי שיעבור חבירך על דבריך",

א צווייטן פירוש זאגט רש"י: "חבירך ממש כגון גזילה גנבה ניאוף ורוב המצות".

דער ערשטער פירוש אליין איז ניט מספיק, ווייל לפי"ז איז ניט פארשטאנדיק פארוואס האט הלל געדארפט זאגן דעם גר בלשון ארמי – "מה דעלך סני לחברך לא תעביד", ער האט דאך אים געקענט זאגן דעם לשון הפסוק "ואהבת לרעך כמוך", און "רעך" זאל מיינען דעם אויבערשטן, "וזהו כל התורה כולה"?

רש"י קען אזוי ניט טייטשן אין פסוק, ווייל אין פשטות הכתובים אז מ'זאגט "רעך" מיינט דאס ניט דעם אויבערשטן, נאר עס מיינט כפשוטו א פריינד. אין גמרא אבער איז דאך פאראן כו"כ ענינים של אגדה ודרוש וכו', קען מען איינלערנען אז "רעך" זאל גיין אויף דעם אויבערשטן, האט דאך הלל אים געקענט זאגן דעם פסוק?

מ'קען ני

הנחת הת' בלתי מוגה

מ׳קען ניט זאגן אז דער טעם פארוואס ער האט אים געזאגט בלשון ארמי איז, ווייל ער האט דאס געזאגט צו א גר און ער האט ניט פארשטאנען קיין לה"ק, - ווייל פון גמלת הגר זעט מען אז ער האט יא פארשטאנען לה"ק, ווי ער האט געזאגט צו הלל "גיירני על רגל אחת", וואס דאס איז לה"ק, און אזוי אויך די צווייטע האלבע פון הלל׳ס תשובה, איז אויך געווען אין לה"ק, "זו היא כל התורה כולה", און ניט אין ארמית "האי אורייתא כולא",

וואס דערפון זעט מען אז דער גר האט יא פארשטאנען לה"ק, אויב אזוי פארוואס האט איצט הלל געזאגט "מה דעלך סני כו׳", און האט אים ניט געזאגט דעם לשון הפסוק "ואהבת לרעך כמוך", וואס מ׳קען אויך טייטשן אז דאס גייט אויף דעם אויבערשטן, פונקט ווי אין די ווערטער פון "מה דעלך סני לחברך לא תעביד",

מצד דעריף מוז רש"י אנקומען צו דעם צווייטן פירוש, שלפי פירוש זה איז פארשטאנדיק פארוואס ער האט אים געזאגט בלשון ארמי און ניט דעם לשון הפסוק:

"ואהבת לרעך כמוך", ד.ה. מ׳זאל ליב האבן א צווייטן אידן פונקט ווי מ׳האט זיך אליין ליב; איז דאס אן ענין וואס איז היפך הטבע, אפילו ביי א אידן, ווייל חייך קודמין, ועאכו"כ ביי א גר,

דעריבער אויב הלל וואלט אים געזאגט באופן חיובי, "ואהבת לרעך כמוך", וואלט דאס ביי אים ניט נתקבל געווארן, דאס איז היפך טבעו. דעריבער האט דאס הלל ביי אים ניט געקענט מאנען;

אבער "מה דעלך סני לחברך לא תעביד" איז א גרינגער ענין, דאס איז נאר אין שלילה, אז די זאכן וואס ער וויל ניט אז מ׳זאל טאן צו אים, ווי גניבה וגזילה וכו׳, זאל ער דאס ניט טאן א צווייטן. דאס קען ביי אים יא נתקבל ווערן.

דער צווייטער פירוש אליין איז אבער ניט מספיק, ווארום דאס איז ניט "כל התורה", עס איז מער ניט ווי "רוב המצות" (כלשון רש"י), עס זיינען דאך פאראן אזוינע מצות וועלכע זיינען ניט פארבונדן מיט א צווייטן אידן,

און בשעת א גר גייט זיך מגייר זיין, איז ניט מספיק דאס וואס ער איז מקבל אויף זיך רוב המצות; אויב אפילו ער וועט מקבל זיין אויף זיך תרי"ב מצות, און איין מצוה וועט ער ניט מקבל זיין, קען מען אים ניט מגייר זיין. דעריבער מוז מען אויך אנקומען צום ערשטן פירוש,

פריער זאגט אבער רש"י דעם פירוש אז דאס גייט אויף דעם אויבערשטען, ווייל דער פירוש איז מער קרוב אל הפשט, עס איז אבער פאראן אין דעם פירוש א שוועריקייט, ברענגט רש"י אויך א צווייטן פירוש. דער פי׳ אבער וואס איז מערער קרוב אל הפשט איז דאס דער ערשטער.

ועפ"י כל הנ"ל איז פארענטפערט פארוואס רש"י בפרשתינו ברענגט דרשת ר"ע און ברענגט ניט דעם מאמר הלל אז "זוהי כל התורה", ווייל לפי האמת איז עס טאקע ניט <u>כל</u> התורה, עס איז נאר "רוב המצות", דערפאר קען רש"י ברענגען נאר דרשת ר"ע אז "ואהבת לרעך כמוך" איז א כלל גדול בתורה.

עס איז נאך אבער אלץ ניט פארענטפערט פארוואס רש"י מוז ברענגען די דרשה בשם ר׳ עקיבא, וכנ"ל אז מען מוז זאגן אז וויבאלד אז רש"י

ברענגט

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

ברענגט דעם בעל המימרא, איז דאס נוגע אין הבנת הפירוש על פי פשוטו של מקרא, וכפי שיתבאר לקמן.

ח. לדעת ר"ע וואס ער האלט אז חייך קודמין, איז ניט פארשטאנדיק: לכאורה איז דאס בסתירה צו דעם וואס עס שטייט "ואהבת לרעך כמוך", וואס אין פשטות הכתובים מיינט דאס "כמוך" ממש. וואלט דאך רש"י (וואס ער ברענגט אז דאס זאגט ר"ע) געדארפט פארענטפערן אט די קשיא,

נאר דאס איז קיין קשיא ניט, ווייל רש"י אליין האט שוין פריער באווארנט אז אין פשטות הכתובים מיינט ניט "כמוך" - כמוך ממש:

אין פרשת ויגש בתחילתו אויף "כי כמוך כפרעה", איז רש"י מפרש "חשוב אתה בעיני כמלך", הגם אז פרעה איז געווען דער מלך און יוסף דער משנה למלך. אין אלע ענינים איז טאקע יוסף געווען פונקט ווי פרעה, אבער "הכסא אגדל ממך", ווייל "אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד",

דעם מען דאך דערפון אז הגם אין פשטות הכתובים מיינט "כמוך" - פונקט ווי דו, בשעת אבער עס קומט צו אזא ענין וואס עס קען ניט זיין פאר ביידן גלייך, ע"ד ווי כסא מלכות וואס אין שני מלכים כו', דעמאלט איז ער טאקע ניט גלייך מיט אים.

איז דערפון פארשטאנדיק אז אויך דא, בנוגע ל"ואהבת לרעך כמוך" דארף עס טאקע זיין "כמוך", פונקט ווי זיך אליין, בשעת אבער עס קומט צו אזא ענין וואס עס קען ניט זיין פאר ביידן גלייך, ווי "קיתון של מים" וואס שטייען ניט פאר ביידן, איז פארשטאנדיק בפשטות אז אפי' אז עס איז דא א ציווי פון "ואהבת לרעך כמוך", פונדעסטוועגן איז דער דין אז "חייך קודמין".

עס איז נאך אבער אלץ ניט פארשטאנדיק פארוואס רש"י מוז ארויס-ברענגען אז דער בעל המימרא איז ר"ע,

מ'קען ניט זאגן אז דער טעם פארוואס רש"י בדענגט ר"ע, איז צו באווייזן, אז אפי' ר"ע איז דער וואס זאגט אז חייך קודמין אעפ"כ האלט ער אז "ואהבת לרעך כמוך" איז א כלל גדול בתורה,

ווארום דאס וואלט מען בלא"ה אויך געוואוסט אפילו ווען רש"י דער-מאנט ניט דא ר"ע, ווייל דער איינציקער וואס קריגט אויף ר"ע איז דאס בן פטורא, רוב התנאים האלטן אז "חייך קודמין", איז ממילא פארשטאנדיק אז מ'האלט ניט ווי בן פטורא, מצד דעם וואס ער איז א דעת יחיד, און רוב תנאים האלטן ניט ווי ער.

נאר דער ביאור אין דעם איז:

בשעת דער קינד לערנט דעם פסוק פון "ואהבת לרעך כמוך", שטעלט זיך ביי אים א שאלה: ווי קען דאס זיין אז מ'דארף אלעמען ליב האבן, בשעת ער האט ערשט געלערנט וועגן עונש מלקות ושאר העונשים, און וועגן חטא העגל. היינט ווי קען דאס זיין אז מ'דארף אלעמען ליב האבן, אפילו די וועלכע עס קומט א עונש?

בכדי צו פארענטפערן אט די קשיא, זאגט רש"י אז דער בעל המימרא איז ר"ע, און וויבאלד ס'איז ר"ע, איז שוין פארשטאנדיק:

אין בבא מציעא (קיג,ב) ברענגט די גמרא: "הרי שהיו נושין בו אלף זוז ולבוש איצטלא בת מאה מנה מפשיטין אותה ממנו ומלבישים אותו איצטלא

הנחת הת' בלתי מוגה

איצטלא הראוי' לו כו' ותנא משום רבי עקיבא כל ישראל ראויין לאותה איצטלא", ווייל כל ישראל בני מלכים הם.

ר"ע קומט צו גיין און זאגט, אז יעדער איד ווער עס זאל ניט זיין, אויב ער האט א איצטלא של מאה מנה, א "וואל-סו-וואל-קארפעט" וכו', קומט דאס אים, ווייל ער איז א בן מלך.

ביז ווי די גמרא דערציילט אז ר"א האט געטראפן א אדם מכוער, וואס ר"א האט דאך זיכער אויף אים ניט געקוקט במבט חיצוני, נאר ער איז געווען א "מכוער בפנימיות, און יענער האט אים געענטפערט "לך לאומן שעשני", צום איבערטן, אז די איינציקע מעלה וואס ער האט איז וואס דער איבערטער האט אים באשאפן, "בריות בעלמא" ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא (פרק לב).

איז אפילו אזא איד, זאגט אויך ר"ע אז ער איז א בן מלך, און ער איז ראוי' לאיצטלא של מאה מנה, און מ'דארף אים מקרב זיין.

אפילו די בגדים וואס דער כהן גדול איז געגאנגען אנגעטאן ביוהכ"פ ווען ער איז אריינגעגאנגען אין ק"ק, וואס בגדי כהונה זאגט די תורה אז זיי דארפן זיין לכבוד ולתפארת, האבן זיינע בגדים אויך ניט געקאסט אזויפיל. ווי די גמרא זאגט אין יומא, אז בגדי כהונה האבן געקאסט ח' מנה, אדער י"ב, אדער ח"י, אדער כ' מנה.

און אט דער איד, וואס איז אן עני ואביון סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, און האט זיך אנגעבארגט אויף פראצענט אבי ער זאל קענען האבן א "וואל-טו-וואל-קארפעט", קומט צו גיין ר"ע און זאגט אז דאס קומט אים, ווייל ער איז א בן מלך.

ועד"ז געפינט מען אין אן אנדער גמרא, אז ר"ע זאגט אז כל ישראל בני אברהם יצחק ויעקב הם *, און אין מסכת שבת זאגט ר"ע נאך מערער: "כל ישראל בני מלכים הם".

דערפאר ברענגט דא רש"י אז ר"ע איז דער בעל המימרא, וואס ער איז אט דער וואס זאגט אז "כל ישראל בני מלכים הם", דעריבער קען ער מאנען "ואהבת לרעך כמוך" צו יעדער אידן, און זאגן אז דאס איז א "כלל גדול בתורה".

בלייבט נאך אבער א שאלה: בד"א, ווען עס וואלט זיך געפעדט וועגן עשי' בפועל, אהבה אבער איז דאך פארבונדן מיט רגש שבלב, ניט מיט מעשה, איז ווי קען מען מאנען ביי אים בהרגשתו, אז ער זאל ליב האבן אפילו אזא וואס איז שייך לעונשים וכו',

אויף דעם איז פאראן נאך א מימרא פון ר' עקיבא:

ר"ע זאגט אין אבות (פ"ג מי"ד): "חביב אדם שנברא בצלם, חבה יתרה נודעת לו שנברא בצלם, שנאמר כי בצלם אלקים עשה את האדם",

דאס אליין איז אבער נאך ניט מספיק צו פועל'ן אז בהרגשתו זאל ער יענעם ליב האבן, דאס גייט דאך אויך אויף א גוי.

דעריבער איז ר"ע מוסיף: "חביבין ישראל שנקראו בנים למקום, חבה יתירה נודעת להם שנקראו בנים למקום, שנאמר כו'", אז אלע אידן זיינען

---

*) וראה רע"ב ב"ק פ"ח מ"ה: "כל בני ישראל בדין בני חורין לפי שהם בני אברהם יצחק ויעקב".

הנחת הת' בלתי מוגה

זיינען בניט צום איבערשטן, ד.ה. אז אלע אידן זיינען ברידער. במילא ווייסנדיק אז דאס איז זיין ברודער, דארף ער שוין ניט האבן קיינע התבוננות, נאר גלייך האט ער א הרגש של אהבה צו יענעם. מ׳דארף אים נאר מעורר זיין אז דאס איז זיין ברודער, וועט ער שוין בדרך ממילא האבן צו אים א אהבה.

מיט דעם וואס רש"י ברענגט ר"ע׳ן, קומט צו נאך אן ענין. ווייל לכאורה לפי כל הנ"ל איז ניט פארשטאנדיק: אויב דער ענין פון ואהבת לרעך כמוך איז אזא גרויסער און גוואלדיגער ענין, ביז אז דאס איז - ווי ר"ע זאגט - א "כלל גדול בתורה", וואלט דאס דער אויבערשטער גע-דארפט אנזאגן א סך פריער (ובמילא וואלט עס געדארפט שטיין פריער אין חומש), נאך פאר דעם ציווי המשכן וכו׳. און דא איז שוין דורכגעגאנגע א משך זמן נאך מ"ת, עס איז שוין געווען דער ציווי אויף בנין המשכן, ביז דער יום השמיני למילואים, ולאחרי כל זה זאגט מען אז עס איז דא א "כלל גדול בתורה", וואס דאס איז "ואהבת לרעך כמוך"; אויב עס איז אזא יסודות׳דיקער ענין, וואלט דאס שוין געדארפט שטיין פריער, פאר-וואס האט מען דאס פארהאלטן א משך זמן ביז איצטער?

און דא קומט נאך אמאל אריין דעת ר"ע: עס איז פאראן א מחלוקת צווישן ר׳ ישמעאל און ר׳ עקיבא, ר"י האלט אז כללותי׳ נאמרו בסיני אבער ניט די פרטים, ר"ע האלט אז סיי בללותי׳ און סיי פרטותי׳ נאמרו מסיני, נאר חזרו ונשנו (און ווי שוין גערעדט וועגן דעם בארוכה פארא-יארן),

קומט אויס, אז לפי שיטת ר"ע קען מען ניט פרעגן פארוואס מען האט געווארט ביז איצטער אויף אנזאגן דעם ציווי פון "ואהבת לרעך כמוך ווייל עס איז טאקע ניט אזוי, עס איז טאקע אנגעזאגט געווארן פריער, און דא איז דאס שוין איבערגע׳חזר׳ט צום צווייטן מאל.

וואס דאס איז נאך א תוספות ביאור פארוואס רש"י מוז זאגן אז דער בעל המימרא איז ראס ר"ע, און דאס איז אלץ מוכרח אין פשוטם של כתובים.

עס קומט אבער צו נאך א ביאור בזה, לויט יינה של תורה, וואס איז פארבונדן מיט היינטיקן פרק פון פרקי אבות, וכפי שיתבאר לקמן.

ס. מ׳האט גערעדט פריער וועגן אהבת ישראל. דער אלטער רבי זאגט אין תניא, אז וועז קען זיין דער אמיתית ענין ראהבת ישראל, כשעושים את הנשמה עיקר והגוף טפל.

דערפון אבער איז פארשטאנדיק, אז מ׳דארף ניט האבן אז דער גוף זאל אינגאנצן זיין אויס, נאר עס איז גענוג אויב ער איז נאר בבחי׳ טפל, קען שוין זיין דער אמיתית הענין פון אהבת ישראל.

ואדרבה, מ׳מוז אנקומען צום גוף, ווארום די אהבה דארף אראפ-קומען למטה מטה ביז עס וועט זיין נרגש בלב ובבשר הגשמי, ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט, אז פונקט ווי אהבת ה׳ דארף דורכנעמען דעם בשר הלב, אזוי דארף אויך אהבת ישראל דורכנעמען דעם בשר הלב, ע"ד ווי שמועה טובה תדשן עצם. וואס דערפאר דארף זיין דער גוף, און עס איז אינו דומה די שמחה ווען זי איז נאר מצד הנשמה, אדער זי נעמט זיך אויך מצד הגוף, מער ניט וואס דער גוף דארף זיין בבחי׳ טפל.

דאס איז אויך דער ענין פון גדולה לגימה שמקרבת, וואס דאס איז א שמחה פארן גוף (ניט פארן נפש, ווייל שמחת הנפש איז ניט פון געמיור

נאר

נאר פון רוחניות טבגשמיות). דוקא דורך דעם וואס מ'איז משמח דעם גוף, בדוגמת אין שמחה אלא בבשר, דוקא דורך דעם איז ער ניט מבלבל די נשמה, ואדרבה וכו'.

דערפאר פירט מען זיך ביי חסידים, אז ביי א חסידישן פארברענגען זאגט מען לחיים, וואס דורך דעם ווערט מען פרייליכער. אמת טאקע ניט קיין סך, וכידוע שיחת כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז משקה איז א דבר המאוס וכו', וואס דארף מען אבער ריידן וועגן דעם בשבת, עס איז דאך פרט שבתכם לא קאמר,

זאל זיין לחיים ולברכה. לחיים.

(אח"כ אמר: "איך האב קיינעם ניט מוציא געווען". ולאחר שכאו"א אמר לחיים, המשיך:)

די חוקרים טראכטן ווי קען מען פון שלילה צוקומען צו חיוב. אט איז פאראן א מופת חותך: בשעת איך האב געזאגט אז איך בין קיינעם ניט מוציא, שלילה, איז דערפון ארויסגעקומען דער חיוב, אז אלע האבן געזאגט לחיים,

וכמבואר אין לקו"ת, אז פון א ריבוי אין ידיעת השלילה, קען מען צוקומען עכ"פ במקצת צו ידיעת החיוב. ועד"ז בהענין הנ"ל, אז דורך די שלילה פון "מה דעלך סני לחברך לא תעביד" קומט מען דערנאך צו צום חיוב פון "ואהבת לרעך כמוך".

י. אין היינטיקן פרק פון אבות איז פאראן די משנה "הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה".

ולכאורה איז ניט פארשטאנדיק: וואס פארא שייכות האט צו דער משנה דער ענין פון "ומקרבן לתורה". די משנה רעדט זיך דאך וועגן אהבת ישראל, און ס'איז ניט ספעציעל פארבונדן מיט דעם ענין פון "ומקרבן לתורה"?

מען קען ניט זאגן אז דער פירוש אין דער משנה איז, אז בשעת ער איז אוהב את הבריות וכו' מיט א געשמאק, דעמאלט איז דער "ומקרבן לתורה" אין אן אנדער אופן,

בדוגמת המבואר בתניא, אז בלי אהוי"ר האבן תומ"צ ניט קיין קיום אמיתי, ועד"ז בנוגע "ומקרבן לתורה", אז דורך אהבת ישראל איז דאס באופן אחר,

ווארום אויב אזוי, וואלט ער ניט געדארפט אנכאפן דוקא "ומקרבן לתורה", נאר ער וואלט אויך געדארפט דערמאנען וועגן מצוות, ובפרט מצוה הצדקה וואס דארף זיין מיט א געשמאק,

נאר דער ביאור בזה איז, ובהקדים וואס איז דער דיוק "הוי מתלמידיו של אהרן":

אין אדר"נ זאגט ער כו"כ אופנים ווי מ'קען זיך אפלערנען פון אהרן'ען ווי ער האט מקרב געווען א אידן וכו', און דאס איז דער דיוק "הוי מתלמידיו של אהרן".

עס זיינען דאך אבער פאראן דרושים פון ראשונים ואחרונים וכו', קען מען זאגן אז דער ביאור בזה איז, ווארום אהרן איז דאך געווען ניט נאר

הנחת הת' בלתי מוגה

נאר א כהן, נאר א כהן גדול, במילא האט ער דאך געהאט כמה וכמה הגדרו' איידער ער איז אריינגעגאנגען אין א שטוב האט ער געדארפט וויסן צי עו ווען דארטן קענען עסן בטהרה, און ניט סתם טהרה נאר אזא טהרה וואס איז ראוי פאר אים; ועד"ז איידער ער איז אריינגעגאנגען אין א שטוב האט ער געדארפט זיין זיכער אז דארט איז ניטא אפילו קיין כזית פון אן ענין של היפך החיים. וואלט דאך דאס געקענט זיין א שטער צו זיין מקרב זיין אידן,

איז ניט קוקנדיק אויף די אלע ענינים, האט זיך אהרן אפגעגעבן מיט יעדערן און אים מקרב געווען, נאר עס איז געווען "ומקרבן לתורה" ער האט זיי מקרב געווען צו תורה, אבער ניט די תורה מקרב געווען צו זיי. ד.ה. אז ער האט ניט פארבויגן אויף קיין ענין פון תומ"צ.

אזוי אויך געפינט מען ביי אהרן'ען דעם ענין פון "ויעש כן אהרן - מלמד שלא שינה". ולכאורה איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז דער נייעס לגבי אהרן אז "לא שינה", אפילו א פשוט'ער איד וואלט אויך ניט משנה געווען ווי דער אויבערשטער וואלט אים געהייסן טאן?

שטייט אויף דעם א ביאור אין פוליסע ספרים, און דער ענין איז א אמת'ער, אז פאר א פשוט'ן אידן איז דאס טאקע קיין נייעס ניט, פאר אהרן'ען אבער איז עס א חידוש;

אעפ"י אז אהרן האט אנגעצונדן די מנורה מיט אלע כוונות און ממשיך געווען אלע המשכות, ביז אל מול פני המנורה שזהו"ע פנימיות הכתר, און עס איז געווען במשכן, ובציווי ה' - פונדעסטוועגן איז ער ניט געשפרונגען צו דער סטאלע, און עס האט זיך ניט אויסגעגאסן דער בוימל, און האט ניט פארבייגט דעם קנייטל, און איז געשטאנען אויף איין ארט - אעפ"י אז ער האט דערביי געהאט אלע כוונות,

- וואס דאס איז בדוגמא ווי עס איז געווען ביים אלטן רבי'ן, וואס דער איינציקער פון תלמידי המגיד וואס האט געקענט הערן תורת המגיד און בלייבן בשעת מעשה על עמדו, איז דאס געווען דער אלטער רבי, אעפ"י אז די איבעריקע תלמידי המגיד זיינען אויך געווען גדולי עולם ויסודי עולם. -

דערפון זעט מען אז ביי אהרן'ען זיינען געווען ביידע קצוות, אעפ"י אז ביי אים זיינען געווען אלע המשכות וכוונות, פונדעסטוועגן איז ביי אים ניט געווען קיין שינוי בגשמיות.

ועד"ז בנוגע "ומקרבן לתורה", אעפ"י אז ער האט זיך געהיט אין די אלע אזהרות וכו', האט ער יעדן אידן מקרב געווען, ובאופן פון מקרב זיין אים צו תורה, און ניט פארקערט,

וכמבואר אז אהרן איז בחי' שושבינא דמטרוניתא, וואס ער איז מעלה נשמות ישראל, און קיינע הילוקים. ווי עס שטייט ביי אהרן "ויבכו אותו כל ישראל", סיי אנשים און סיי נשים, ווייל ער האט מיט אלעמען געהאט צו טאן און זיי מקרב געווען, משא"כ ביי משה'ן שטייט נאר "ויבכו ישראל", ווייל ער האט געטאן נאר עם האנשים, ווייל ער איז געווען בבחי' גבורה.

דערפון איז די הוראה צו יעדערן, וואס אלע זיינען דאך א "ממלכת כהנים", אז מ'דארף יעדערן מקרב זיין, ובדרכי נועם ובדרכי שלום, עס דארף אבער זיין אין אזא אופן, אז אויב מ'קען ניט אריינגיין

צו יענער

צו יענעם, רופט מען יענעם ארויס צו זיך, און דאס גופא בדרכי נועם ובדרכי שלום, ובאופן ד"ומקרבן להורה", כנ"ל,

און דעמאלט טוט מען אויך, ווי ער זאגט אין אדר"נ, אז בשעת אהרן האט גערעדט מיט א אידן און יענער האט אויף מארגן געוואלט טאן אן עבירה, האט ער זיך אפגעהאלטן, זאגנדיק צו זיך, אז איך בין אהרן'ס א חבר איז ווי קען איך טאן אזא און אזא ענין, במילא האט ער זיך גע-שעמט און ניט געטאן,

שזהו ע"ד המבואר פון אדמו"ר מהר"ש, אז עס איז פאראן אן עבודה מצד "ויגבה לבו בדרכי הוי'", ד.ה. אז מצד ישות האלט ער זיך אפ פון צו טאן אן עבירה,

וכמבואר אין די מאמרים עה"פ ויהלום; אז ווען עס האנדלט זיך בנוגע בריחה מן הרע, איז קיין חילוק ניט מצד וואס עס קומט, אבי ער איז א סור מרע,

וכידוע אז עס זיינען געווען חסידים ביים אלטן רבי'ן, וואס ביי זיי איז אויך געווען די עבודה, אז אפילו זייענדיק אין פעטער-בורג, איז בשעת זיי האבן געוואלט טאן א זאך, האבן זיי ביי זיך גע-טראכט: איך בין דאך דעם אלטן רבי'נס א חסיד, היינט ווי קען איך דאס טאן?!

ועד"ז בכאו"א בשעת מ'טוט מיט א צווייטן, טוט דאס אויף אז למחר מתבייש און יענער האלט זיך אפ פון טאן אן ענין בלתי רצוי.

דאס איז אויך פארבונדן דעקמים-וואס עס האט זיך גערעדט פריער, אז אהבת ישראל איז א "כלל גדול בתורה", עס איז אבער ניט "כל התורה כולה". ווייל אויב דאס וואלט געווען כל התורה כולה, וואלט עס דוחה געווען אנדערע מצוות, ע"ד ווי פקו"נ איז דוחה אנדערע מצוות, ועד"ז וואלט געווען בנוגע לאהבת ישראל אז עס וואלטן אראפגעפאלן די גדרים וכו',

דער סדר אין אהבת ישראל דארף אבער זיין באופן של "ומקרבן להורה", מקרב זיין זיי צו הורה אבער ניט בארקערט ח"ו. דערפאר קען רש"י ניט זאגן אז אהבת ישראל איז "כל התורה כולה".

עפ"י הנת"ל וועט אויך פארענטפערט ווערן די סתירה אין פרק לב פון תניא, וואס דארטן איז ער מבאר אז אהבת ישראל דארף זיין צו יעדן איינעם, אפילו צו די וואס זייער איינציקע מעלה וואס זיי האבן איז, אז זיי ווערן אנגערופן בשם "בריות", אז דער אויבערשטער האט זיי בא-שאפן. און ווייטער פירט ער אויס, אז עס זיינען פאראן אזוינע וואס צו זיי דארף זיין "תכלית שנאה שנאתים"?

נאר ווי גערעדט פריער אז מצות אהבת ישראל דארף זיין לויט גדרי התורה, במילא דארף אויף אנדערע זיין הכליה שנאה שנאתים, אבער אויך די האבן א שייכות צו הורה, און דאס איז דורך דעם הכלית שנאה, ווארום דאס גופא זאגט דאך הורה אז ביי זיי דארף זיין תכלית שנאה שנאתים, איז דורך דעם טוט זיך אויף ביי זיי "ומקרבן לתורה".

דאס איז אויך וואס דער אלטער רבי אין פרק לב זאגט "כי יסוד ושרש כל התורה הוא להגבי' ולהעלות הנפש על הגוף כו'". וואס דער ענין איז טאקע "כל התורה", עס איז יסוד ושרש של כל התורה להעלות הנפש על הגוף. בשעת אבער עס קומט אראפ אין פועל, אין מצות אהבת ישראל, איז עס אין צוויי אופנים, אנדערע דורך קירוב און אנדערע

איז

איז זייער קירוב דורך הכליה שנאה. דעריבער איז עס לפועל נאר "רוב התורה", אבער ניט "כל התורה", כנ"ל.

און דורך דעם וואס עס איז פאראן די עבודה פון "להעלות הנפש על הגוף", ווערט דורך דעם נמשך למטה אז עס איז "ברכנו אבינו כולנו כאחד", דורך דעם ענין פון למהוי אחד באחד.

דאס איז אויך פארבונדן דערמיט וואס די גמרא זאגט, אז בחודש אייר נולדו זיוהתני עולם, וואס דאס גייט אויף די אבות. ולכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק, די אבות זיינען דאך געבארן געווארן בחודש ניסן?

שטייט אויף דעם א ביאור: וויבאלד אז בחודש ניסן איז דאך געווען א טייל פון חודש וואס זיי זיינען נאך ניט געבארן געווארן, אבער בחודש אייר זיינען זיי שוין געווען בעולם דעם גאנצן חודש, דעריבער הייסט חודש אייר - חודש זיו.

דאס איז דאך אבער ניט מספיק, ווען מען דאס פארשטיין מצד דעם וואס בחודש ניסן איז געווען א טייל חודש פאר יציאת מצרים, די הכנות צו יצי"מ, און עס איז אויך געווען יציאת מצרים; און א טייל פון חודש איז געווען שוין לאחרי יצי"מ. עד"ז חודש סיון, איז א טייל חודש געווען פאר קבלת התורה, און א טייל חודש וואס משה איז געווען בהר, ביז אז דורך דעם איז שפעטער ארויסגעקומען דער ענין החטא און משה האט צובראכן די לוחות.

אין חודש אייר אבער איז יעדער טאג אין אים פאראן די עבודה פון ספה"ע, און מצד די דרגא אין וועלכע מ'שטייט ביום ההוא, האט ער שוין אלץ מברר געווען און איז גרייט לקבלת התורה.

וזהו"ע חודש הזיו שבו נולדו זיוהתני עולם, שזיו ענינו ליכטיגקייט, אז דורך דער עבודה פון ספה"ע טוט זיך אויף, ווי מען זאגט אין רבש"ע פון ספה"ע, עס זאל זיין יושפע שפע רב בכל העולמות.

ועי"ד ווי עס איז ביי ספה"ע, אז מצד דעם ענין וואס ער האט באותו היום מברר געווען, איז ער שוין גרייט לקבלת התורה, אזוי אויך איז ביי דעם ענין פון "ומקרבן לתורה", אעפ"י אז יעדער געפינט זיך למטה מטה, אבער ווען ער הויבט אים אן מקרב צו זיין און איז אים מברר אין א ענין, איז מצד דעם פרט איז ער שוין גרייט לקבלת התורה.

און-פונקט ווי ער זאגט אין תניא בנוגע אהבת ישראל, אז פריער איז ער מעלה מלמטלמ"ע און שפעטער ווערט נמשך מלמעלמ"ט, אזוי איז אויך ביי ספה"ע, אז פריער איז פאראן די העלאה מלמטלמ"ע און דערנאך ווערט נמשך א המשכה מלמעלה למטה.

ועי"ז וואס למטה איז פאראן דער כלל גדול בעבודה פון אהבת ישראל, איז דאס ממשיך מלמעלה דעם לך הוי' הגדולה, אז עס ווערט נמשך דער מה גדלו און מה רבו, שכמבואר בדא"ח מיינט עס עלדאתכ"ס ועלדאת"ג. ווארום אין עלדאתכ"ס איז בעיקר דער ענין הגודל, און אין עלדאת"ג איז דער עיקר דער ענין הריבוי,

און עס ווערט נמשך דער אני הוי' שלמעלה מסדר השתל', ווי עד פירט אויס אין פסוק פון ואהבת לרעך כמוך,

ביז אז עס וועט זיין קהל גדול ישובו הנה בם עור ופסח הרה ויולדת יחדיו. און עס וועט זיין ווי ער זאגט אין תניא "כמ"ש במ"א באריכות"

הנחה הת' בלתי מוגה

באריכות", וואס דאס וועט זיין לע"ל, ווארום דעמאלט וועט זיין דער אמיתית ענין האריכות, וואס דעמאלט וועט נמשך ווערן דער אור וואס אתעדל"ת קען אהינצו ניט דערגרייכן,

אעפ"י אז מ׳זאגט אז דאס איז אזא אור וואס אתעדל"ת קען אהינצו ניט דערלאנגען, קומט דאס אבער ע"י עבודת האדם. מ׳דארף נאר האבן א אחר שלים און דעמאלט וועט דאס נמשך ווערן, ובאופן דאי לאו דעביד נייחא לנפשי׳ לא הוה יהיב לי׳ מתנתא,

ובתורת הה"מ עה"פ קדושים תהיו - קדושתי למעלה מקדושתכם, אז די קדושה שלמעלה טוט זיך אויף ע"י קדושתכם,

וואס דאס איז דאך מתאים מיט דעם משל וואס שטייט אין מדרש בנוגע די ג׳ כתרים וואס די בני המדינה האבן געמאכט פארן מלך, אז דער דריטער כתר איז דאס טאקע פאדן מלך, אבער ווער איז אים מכתיר איז דאס דער עם, ועד"ז אויך בנוגע די קדושה שלמעלה ווערט דאס אויפגעטאן ע"י ישראל,

און די עבודה איז די הכנה וואס דורך דעם קומט מען צו אויף מקבל זיין די תורה בשמחה ובפנימיות - כלשון כ"ק מו"ח אדמו"ר -, וואס מ"ת איז דאך א מעין דלע"ל, ווי עס שטייט אין תניא, ביז אז מען קומט צו צו דער גאולה העתידה, וואס דעמאלט וועט מען לערנען פרקי אבות באופן אחר, וואס ענינו של פרקי אבות איז דאך דרך ארץ, וד"א קדמה לתורה, און דערנאך וועט מען נעמען תורה באופן נעלה יותר, בביאת משיח צדקינו בקרוב ממש.

י. עס איז דאך הקטן יהי׳ לאלף והצעיר לגוי גדול, וואס דאס איז אויך פארבונדן דערמיט וואס היינטיקע וואך איז דער יום השנה פון התייסדות צעירי אגודת חב"ד,

זאל זיין הצעיר יהי׳ לגוי גדול, וואס אימתי הוא גדול כשהוא בעיר אלקינו, דורך תורה ותפלה.

די ערשטע זאך זאלן זיי לערנען נגלה וחסידות, וקיום המצוות בהידור, ובי"ז ביז באופן דטופח ע"מ להטפיח, און דאס זאל זיין א דוגמא חי׳ פאר אנדערע,

און דאס וועט ממשיך זיין דעם גדול הוי׳ כו׳, און זיי וועלן מצליח זיין בעבודתם, וע"י הפעולות הטובות זאל מען זוכה זיין אויף צו ממשיך זיין ביאת משיח צדקינו יבוא ויגאלינו בקרוב ממש.

(אחרי ברכה אחרונה, התחיל לנגן בני היכלא).

הערה שייכת לע׳ סז בסוף פסקא המתחלת און:

*) ובזה מהורץ עוד קושיא הזקה וגם פשוטה: כ"פ בפ׳ זו פרש"י שבדבר המסור ללב מוסיף כאן ויראת מאלקיך, ודוקא בזה, ושמודגש כמוך בנוגע לאהבה (רגש שמקורו בלב) אין אזהרה זו?!

וזה מתורץ ע"פ ההדגשה שזהו כלל גדול דוקא, ובהכללים (סתם) שנכללו בו - כאלו שצ"ל ויראת מאלקיך - נאמר כן, ואלה - שאין צ"ל - לא.

=============================